**גאווערנער קעטי האָקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/302022

**גאווערנער האָקול אנאנסירט ריכטערין אי. דזשינעט אגדען איז באשטימט געווארן צו דער ניו יאָרק סטעיט אפעלאט דיוויזיע, פערטער דעפארטמענט**

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט אנאנסירט איר באשטימונג פון ריכטערין אי. דזשינעט אגדען צו דער ניו יאָרק סטעיט אפעלאט דיוויזיע׳ס פערטער יורידישע דעפארטמענט, וואס סערווירט צענטראל און מערב ניו יארק.

״באלד 30 יאר האט ריכטערין אי. דזשינעט אגדען סערווירט אלס א יושר׳דיגע און אביעקטיווע יוריסט, איינהאלטנדיג די הערשאפט פון געזעץ פאר די איינוואוינער פון מערב ניו יארק,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״עס איז מיר א כבוד צו באשטימען ריכטערין אגדען צום אפעלאט דיוויזיע׳ס פערטער דעפארטמענט, און איך בין קאנפידענט אז זי וועט ווייטער פארזעצן צו סערווירן מיט אויסצייכענונג.״

ריכטערין אי. דזשינעט אגדען האט סערווירט אלס א ניו יאָרק סטעיט סופּרים קאָורט ריכטער זינט 2015. בעפאר סערווירן אויפ׳ן סופּרים קאָורט, איז ריכטערין אגדען געווען ריכטערין אויפ׳ן באפעלאו סיטי געריכט. אויך האט זי סערווירט אלס אן אמטירנדע ריכטערין פאר דער קאונטי און פאמיליע געריכט פון ערי קאונטי. ריכטערין אגדען איז אויך יעצט אן אַדזשונקט אינסטרוקטער אין דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק אין באפעלאו לאו סקול, און אן אַדזשונקט פראפעסאר אין דעמען קאלעדזש. אויך איז זי א מיטגליד אינעם ׳נאציאנאלער פארבאנד פון פרויען ריכטערינס׳, ׳ניו יארק סטעיט בארעטונגס קאמיטע אויף יורידישע עטיקס׳, ׳ערי קאמיוניטי קאלעדזש קרימינאלע יוסטיץ בארעטונגס קאונסיל׳, ׳אכטע יורידישע דיסטריקט דזשענדער און ראסע גערעכטיגקייט קאמיטע׳, NAACP און די ׳פרויען אדוואקאטן פון מערב ניו יארק׳. ריכטערין אגדען סערווירט אויך אלס א מענטאר פאר הויך-שולע, קאלעדזש און געזעץ סטודענטן און טוט רעגלמעסיג ערשיינען אלס רעדנערין פאר ציווילע און קאמיוניטי ארגאניזאציעס, פובליק סקולס און קירכעס.

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס האט געזאגט,** ״קאנגראטולאציעס צום סופּרים קאָורט ריכטערין אי. דזשינעט אגדען צו איר באשטימט ווערן דורך גאווערנער קעטי האָקול צום סופּרים קאורט אפעלאט דיוויזיע׳ס פערטער דעפארטמענט. ריכטערין אגדענאר איז גאר שטארק און ברייט רעספעקטירט, און ביי מיר איז קיין שום ספק נישט אז זי וועט פארזעצן צו מאכן מערב ניו יארק שטאלץ איינהאלטנדיג די געזעץ און ארדענונג אין ניו יארק סטעיט. א דאנק אייך גאווערנער האָקול, דאס איז א גאר גוטע אויסוואל.״

**ערי קאונטי דיסטריקט אטורני דזשאן דזשעי. פלין האט געזאגט,** ״ריכטערין דזשינעט אגדען האט געדינט אונזער קאמיוניטי אלס ריכטערין אויף פארשידענע קאורטס באלד 30 יאר. איר לעגאלע ווישנשאפט און ערפארונג וועט געוואלדיג צוגעבן צום אפעלאט דיוויזיע׳ס פערטער יורידישע

דעפארטמענט.  איך טו אויסדרוקן מיין קאנגראטולאציעס צו ריכטערין אגדען אויף איר וואויל-פארדינטער באשטימונג אין דער צייט וואס זי זעצט פאר ווייטער צו סערווירן די איינוואוינער פון ניו יאָרק.״

**סיטי אָוו באפעלאו׳ס מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** ״איך בין דאנקבאר אז גאווערנער קעטי האוקול האט באשטימט די געשעצטער אי. דזשינעט אגדען צום אפעלאט דיוויזיע׳ס פערטער דעפארטמענט.  זינט באשטימט ווערן צום באפעלאו׳ס סיטי קאָורט, און יעצט אויפ׳ן ניו יארק סטעיט סופרים קאָורט, האט ריכטערין אגדען געארבעט אומערמידליך פאר מערב ניו יארק, און איז איינע פון די מערסט רעספעקטירטע יוריסטן. איך בין קאנפידענט אז ריכטערין אגדען וועט ניצן איר אייגנארטיגער הינטערגרונד און ערפארונג צו ברענגען אן אומשאצבארע פערספעקטיוו צום פערטער דעפארטמענט.״

די יורידישע אונטערזוכונג קאמיטע פאר׳ן אפעלאט דיוויזיע׳ס פערטער דעפארטמענט האט איבערגעקוקט די אפליקאציעס און דורכגעפירט אינטערוויוס מיט צענדליגע אפליקאנטן. בלויז די אפליקאנטן וועלכע זענען גערעכנט געווארן אלס ׳הויך קוואליפיצירט׳ דורך דער קאמיטע זענען אריינגעגעבן געווארן צום דעם גאווערנער פאר׳ן נעמען אין באטראכט. אויף גערעכנט צו ווערן ׳הויך קוואליפיצירט׳, מוזן קאנדידאטן ארויסווייזן אויפריכטיגקייט, זעלבסטשטענדיגקייט, פירערשאפט, אינטעליגענץ, לעגאלע פעאיגקייט, פארשטאנד, שטימונג און ערפארונג.

אונטער דער ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע און יורידישע געזעץ, האט די גאווערנער די מאכט צו באשטימען ריכטער צו יעדער אפעלאט אפטיילונג פון צווישן די וועלכע זענען ערוויילט געווארן אלס ריכטערן פון דעם הויכן געריכט. די באשטימונגען זענען נישט אונטערגעווארפן סענאט באשטעטיגונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418